אונטער די פּוילישע גרינינקע ביימעלעך
שפּילן זיך מער נישט קיין משהלעך, שלמהלעך,
שפּילן זיך מער נישט קיין שׂרהלעך, לאהלעך,
נישט אויף קיין גרעזעלעך, נישט אויף קיין שנייעלעך...
ס'הילכן שוין מער נישט קיין ייִדישע שטימעלעך
פֿון די קונדייסימלעך, מאָטעלעך, שימעלעך,
מיט די צעקרעלטע, צעדראַפּעטע צורהלעך
פֿונעם באַווײַזן וווּנדיירים און גבֿורהלעך...

ס'טרויערן אַצינד די פּוילישע ביימעלעך,
טויט זײַנען ייִדישע היימען און היימעלעך...
טויט זײַנען געסעלעך, חרובֿ די הײַזעלעך,
ווּ עס פֿאַרשטעקן זיך קינדער ווי מײַזעלעך...
ייִדישע קינדער מיט גרויסע אויגאַנעס,
שוואַרצע אַזוי, ווי מיט חושך פֿאַרצויגענע,
אייגעלעך פֿולע מיט פּחד פֿאַרלאָפֿענע,
אונטער דעם אומגליק דעם ברוינעם געטראָפֿענע...

אונטער די פּוילישע גרינינקע ביימעלעך
שפּילן זיך מער נישט קיין משהלעך, שלמהלעך,
שפּילן זיך מער נישט קיין שרהלעך, לאהלעך,
נישט אויף קיין גרעזעלעך, נישט אויף קיין שנייעלעך...

Unter di poylishe grininke beymelekh
Shpiln zikh mer nit keyn Moyshelekh, Shloymelekh,
Shpiln zikh mer nit keyn Sorelekh, Leyelekh -
Nit oyf keyn grezelekh, nit oyf keyn shneyelekh...
S'hilkhn shoyn mer nit keyn yidishe shtimelekh
Fun di kundeysimlekh, Motelekh, Shimelekh,
Mit di tsekrelte, tsedrapete tsurelekh
Funem bavayzn vundeyrim un gvurelekh...

S'troyern atsind di poylishe beymelekh,
Toyt zaynen yidishe heymen un heymelekh...
Toyt zaynen geselekh, khorev di hayzelekh,
Vu es farshtekn zikh kinder vi mayzelekh...
Yidishe kinder mit groyse oyganes,
Shvartse azoy, vi mit khoyshekh fartsoygene,
Eygelekh fule mit pakhed farlofene,
Unter dem umglik dem broynem getrofene...

Unter di poylishe grininke beymelekh
Shpiln zikh mer nit keyn Moyshelekh, Shloymelekh,
Shpiln zikh mer nit keyn Sorelekh, Leyelekh,
Nit oyf keyn grezelekh, nit oyf keyn shneyelekh...

בֵּין עֲצֵי פּוֹלִין הַיְרַקְרַקִּים
לֹא עוֹד יְשַׂחֲקוּ מֹשֶׁה׳לִים, שְׁלֹמֹה׳לִים.
לֹא בֵּין עֲשָׂבִים, לֹא בֵּין פְּתִיתֵי הַשֶּׁלֶג.

לֹא עוֹד יְהַדְהֲדוּ קוֹלוֹת יְהוּדִיִּים
שֶׁל קֻנְדֵּסִים, שֶׁל מוֹטֶלִים, שֶׁל שִׁמֶלִים,
פְּנֵיהֶם שְׂרוּטוֹת — מִן הַגְּבוּרוֹת הַקְּטַנּוֹת
וּמִן הַנִּפְלָאוֹת.

אֲבֵלִים עֲצֵי פּוֹלִין,
דוּמִיַּת־מָוֶת בְּבָתֵּי יְהוּדִים.
שׁוֹמְמוֹת הַסִּמְטָאוֹת, חָרְבוּ הַבָּתִּים,
בָּהֶם יֵחָבְאוּ יְלָדִים כָּעַכְבָּרִים,

יַלְדֵי יְהוּדִים עֵינֵיהֶם גְּדוֹלוֹת, שְׁחוֹרוֹת
כְּאִילוּ כִּסְתָן אֲפֵלָה,
עֵינַיִם מְלֵאוֹת, הַפַּחַד עֲבָרָן,
פְּקָדָן הָאָסוֹן הַחוּם...

בֵּין עֲצֵי פּוֹלִין הַיְרַקְרַקִּים
לֹא עוֹד יְשַׂחֲקוּ מֹשֶׁה׳לִים, שְׁלֹמֹה׳לִים,
לֹא עוֹד יְשַׂחֲקוּ שָׂרָה׳לוֹת, לֵאָה׳לוֹת,
לֹא בֵּין עֲשָׂבִים, לֹא בֵּין פְּתִיתֵי הַשֶּׁלֶג.

Under Poland's green trees today,
Little Moshes and Shlomos no longer play,
No little Sarahs and Leahs now go
Over the grass, or over the snow.

No Jewish voices now ring in the air.
The little Mottkes and Shimmes are silent there,
The daredevil scamps, with their eyes shining bright,
No longer play and sport and fight.

The Polish trees now sadly loom,
Mourning for each dead Jewish home,
Each ruined Jewish street and house,
Where a Jewish child hides in a hole like a mouse.

Jewish children with wide open eyes,
In which despair and terror lies,
Eyes full of bitterness and woe,
Struck by the brutal German blow.